**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 50 מיליאן דאלאר פאר "לאבארעטאריע פון די צוקונפט" פאר ערשטע שטאפלען פון מעדיצין אנטדעקונג אין ניו יארק סיטי**

***אויטאמאציע, ארטיפישעל אינטעלידזשענס און מאשין לערנינג וועלן ערמעגליכן שנלערע מער ווירקזאמע און מער געשליפענע מעדיצין אנטדעקונג פאר ביאלאגישע וויסנשאפט פירמעס***

***נייע לאבארעטאריע וועט העלפן ארומדרייען די מנהג פון צענדליגע יארן פון נוצן דרויסנדיגע פירמעס פאר מעדיצין אנטדעקונג פארשונג און עס וועט פארשטערקערן ניו יארק'ס אינערליכע מעגליכקייטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א נייע 50 מיליאן דאלארדיגע "לאבארעטאריע פון די צוקונפט" וועט אויפגעשטעלט ווערן פאר א פראבע אין מידטאַון מאנהעטען וואס וועט זיך פארלאזן אויף אויטאמאציע, ארטיפישעל אינטעלידזשענס און מאשין לערנינג צו מאכן די ערשטיגע שטאפלען פון דעם מעדיצין אנטדעקונג פראצעדור שנעלער, מער באזירט אויף ציפערן און מער שפארזאם. די לאבארעטאריע וועט דעוועלאפט ווערן דורך Deerfield Discovery and Development, א פירמע אונטער Deerfield Management Company, און דער פראיעקט ווערט געשטיצט דורך א 25 מיליאן דאלארדיגע עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) גרענט. די נייע לאבארעטאריע וועט ערמעגליכן ניו יארק סטעיט צו אויסנוצן די קאמערציעלע מעגליכקייטן פון די פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס און צו ווייטער אויפבויען די סטעיט'ס ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע.

"די אינוועסטירונג אין Deerfield'ס לאבארעטאריע פון די צוקונפט וועט העלפן אונזער סטעיט צו פארזיכערן איר שטאנד אלץ א צענטער פון וואוקס, ערפינדונג און דורכברוכן אין די ביאלאגישע וויסנשאפט פעלד און העלפן צוריקצוברענגען קריטישע מעדיצין פארשונג צוריק צו די פאראייניגטע שטאטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "Deerfield'ס לעבנס-ראטעווענדע קלינישע פארשונג און פארגעשריטענע מעדיצין אנטדעקונג וועט העלפן טרייבן ביזנעס אקטיוויטעט, מאכן וואקסן און פארשטערקערן אונזער ארבעטסקראפט, און עס וועט ברענגען די קומענדיגע דור פון מעדיצין צו ניו יארק סטעיט. שטיצע פאר די ביאלאגישע וויסנשאפטן אינדוסטריע איז קריטיש צו אויפבויען א מאדערנע עקאנאמיע, און מיין אדמיניסטראציע בלייבט איבערגעגעבן צו פארשטערקערן די וויכטיגע אינדוסטריעס און פירמעס וואס ברענגען מיט זיך דזשאבס וועלכע וועלן שטופן ניו יארק אויף פאראויס."

**מענעדזשינג שותף אין Deerfield Management און גרונדער פון Cure®, דזשעימס פלין, האט געזאגט,** "די היינטיגע טאג צייכנט אפ א גרויסע טריט פאראויס פאר די ניו יארקע ביאלאגישע וויסנשאפט קאמיוניטי, און מיר זענען געוואלדיג דאנקבאר פאר די שטיצע פון גאווערנער האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט. די לאבארעטאריע פון די צוקונפט ערווארט צו ברענגען נייע און טראנספארמאטיווע טעכנאלאגישע מעגליכקייטן פאר די ערשטיגע שטאפלען פון באמיאונגען צו אנטדעקן

נייע מעדיצינען אויף א פרעצעדענטלאזע פארנעם. מיר זענען באגייסטערט מיט די פאטענציאל פון די אינציאטיוו צו ערמעגליכן באדייטפולע וויסנשאפטליכע פארשריט און צו טרייבן עקאנאמישע געלעגנהייט."

די לאבאראטאריע וואס וועט געעפנט ווערן אלץ א פראבע וועט אויפנעמען אומגעפער 6,000 סקוועיר פיס פון Deerfield's Cure® ערפינדונגען קאמפוס אין ניו יארק סיטי. א קריטישע באשטאנדטייל פון די לאבאראטאריע איז די אנזאמלונג, פראדוקציע און אנאליזירונג פון די ריזיגע מאסן פון וויסנשאפטליכע פארשונג ציפערן וועלכע וועלן דינען אלץ א יסוד פאר א וואקסנדע ארטיפישעל אינטעלידזשענס דאטא-בעיס וואס איז נויטיג צו ערמעגליכן א מער ווירקזאמע מעדיצין אנטדעקונג פראצעדור.

די ESD's 25 מיליאן דאלארדיגע גרענט וועט שטיצן קאסטן צו דעוועלאפען לאבאראטאריע אויטאמאציע, אלגאריטמס וועלכע קענען פאראויסזעהן מעדיצין דעזיינס, אויפנעמען טאלאנטפולע ארבייטער, וויסנשאפטליכע סופּלייס, סאפטוועיר און ערשטיגע אפעראציע קאסטן. איינמאל די לאבאראטאריע וואס איז נאר א פראבע וועט ערפאלגרייך פארענדיגט ווערן מיט די פינף-יאריגע גרענט, האט Deerfield פארשפראכן צו איבערמאכן די פראדוקציע, אונטערזוכונג און סאפטוועיר סערוויסעס מיט א פולשטענדיגע פירמע אין ניו יארק סטעיט. די לאבאראטאריע איז ערווארטעט צו דינען עווענטועל אלץ א מיטל פאר מעדיצין אנטדעקונג פאר גרויסע און קליינע בייאָו-פארמא פירמעס, מוטיגנדיג די וואוקס פון ניו יארק'ס ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע דורכן צוציהען אנדערע ערפינדונג-געטריבענע ביאלאגישע וויסנשאפט פירמעס, בשעת'ן שטיצן די טרענירונג און דעוועלאפמענט פון א פעאיגע ארבעטסקראפט.

**ESD פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "די לאבאראטאריע פון די צוקונפט וועט ערמעגליכן ניו יארק סטעיט צו אריינכאפן צו זיך די קאמערציעלע פאטענציאל פון אויטאמאציע, ארטיפישעל אינטעלידזשענס און מאשין לערנינג צו פארשטערקערן די סטעיט'ס ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע, בשעת'ן אויך ברענגען דזשאבס פאר טרענירטע מענטשן קיין ניו יארק. די נייע טעכנאלאגיע וואס ווערט גענוצט דורך די לאבאראטאריע וועט העלפן נאך מער באפעסטיגן ניו יארק'ס פירערשאפט אין די ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע."

די לאבאראטאריע פון די צוקונפט וועט העלפן ברענגען קריטישע מעדיצין אנטדעקונג ארבעט צוריק צו די פאראייניגטע שטאטן און אפשטעלן די וואוקס פון מעדיצין אנטדעקונג און אנטוויקלונג וואס ווערט געשיקט צו אויסלאנד – הויפטזעכליך צו כינע און אינדיע – שעדיגנדיג די אינערליכע מעגליכקייטן. די נעגאטיווע השפעה פון נוצן אויסלענדישע פירמעס איז פארגרעסערט געווארן דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע ווען עס איז ארויסגעוויזן געווארן ווי אנגעוויזן מיר זענען אויף פרעמדע לענדער פאר קריטישע מעדיצין אנטדעקונג סערוויסעס און מעגליכקייטן. דורכן מאכן די ערשטיגע פארשונג שטאפלען מער ווירקזאם, וועט די לאבאראטאריע דאס אויך מאכן ביליגער, שטופנדיג ערפינדונגען אין די בייאָו-פארמא אינדוסטריע אויף ארויף.

די לאבאראטאריע'ס לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע בענעפיטן רעכענען אריין צושטעלן פילע פון די פארשונג סערוויסעס וועלכע בייאָו-פארמא פירמעס דארפן פאר די ערשטע שטאפלען פון טרעפן נייע מעדיצינען און פאר אנטוויקלונג באמיאונגען, און עס וועט זיין אין א גוטע פאזיציע זיך צו קענען שטארקן איבער שטרויכלונגען אין די סופּליי-טשעין. אין צוגאב וועט די לאבאראטאריע אויך אפפערן די בענעפיטן פון ווירקזאמקייט, קוואליטעט און אינטעלעקטואלע פארמעגן באשיצונג צו מוטיגן ביזנעסער אין די סטעיט זיך צו באנוצן מיט די איינריכטונג.

**CEO פון Deerfield Discovery and Development, מייקעל פּאָולי, PhD, האט געזאגט,** "די לאבאראטאריע פון די צוקונפט זוכט צו ערמעגליכן שנעלערע און מער ווירקזאמע מעדיצין אנטדעקונג

באמיאונגען דורכן נוצן די לעצטע טעכנאלאגיע פון ארטיפישעל אינטעלידזשענס, מאשין לערנינג און ראבאטיקס. די אינוועסטירונג פון גאווערנער האקול"ס אדמיניסטראציע און פון Deerfield וועט אויך ערלויבן קריטישע שריט אין די מעדיצין אנטוויקלונג צו פארקומען אין די פאראייניגטע שטאטן, פארשטערקערנדיג אונזערע מעגליכקייטן אויף א גלאבאלע פארנעם, ווי אויך ניו יארק'ס אנוועזנהייט אויפן מארקעט."

די ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע נעמט אריין די פעלדער פון ביאלאגישע טעכנאלאגיע, פארמא, ביאלאגישע-מעדיצינישע טעכנאלאגיע און לייף סיסטעמס טעכנאלאגיעס. עס רעכנט אריין ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס וועלכע גיבן אוועק די מערהייט פון זייערע באמיאונגען פאר די פארשידענע שטאפלען פון פארשונג, אנטוויקלונג, טעכנאלאגיע טראנספער און אריינברענגונג אין די מארקעט. יעדן טאג קומען פירמעס אין די אינדוסטריע ארויס מיט נייע מעדיצינישע און מעדיצין דורכברוכן וועלכע האבן די פאטענציאל צו ראטעווען לעבנס, בשעת'ן מאכן באדייטנדע פארשריט אין אגריקולטורישע און ענווייראמענטאלע ביאלאגישע טעכנאלאגיעס וועלכע העלפן שטופן פאר א ריינערע און מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט.

ניו יארק סטעיט האט איינגעפירט א 620 מיליאן דאלערדיגע איניציאטיוו צו טרייבן די וואוקס פון אן ערשטקלאסיגע לעבן'ס וויסנשאפטן פארשונג קלוסטער אין ניו יארק, ווי אויך פארברייטערן די סטעיט'ס מעגליכקייט צו אריינברענגען די פארשונג צו די מארקעט און מאכן וואקסן די עקאנאמיע. די פילפאכיגע איניציאטיוו רעכנט אריין 320 מיליאן דאלאר פאר סטראטעגישע פראגראמען וועלכע ציהען צו נייע ביאלאגישע וויסנשאפט טעכנאלאגיעס צו די סטעיט, הייבן אונטער קריטיש-וויכטיגע פובליק און פריוואטע סעקטאר אינוועסטירונג אין אויפקומענדע ביאלאגישע וויסנשאפט פעלדער און שאפן און פארברייטערן ביאלאגישע וויסנשאפט-פארבינדענע ביזנעסער און באשעפטיגונג אריבער גאנץ ניו יארק.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט געשפילט א באדייטפולע ראלע אין די אלגעמיינע וואוקס פון די ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע און אינעם העכערן די סטעיט'ס פראפיל אלץ א פירנדע ביאלאגישע וויסנשאפט אינוועסטירונג דעסטינאציע. אין די פינף יאר זינט עס האט זיך אנגעהויבן, האט ניו יארק סטעיט'ס ביאלאגישע וויסנשאפט אינציאטיוו דירעקט בייגעשטייערט צו דאס אויפבויען די אינדוסטריע אין עטליכע וועגן: עס האט אויפגעטריבן 1.5 ביליאן דאלאר פון צוגאבליכע אינוועסטירונג, עס האט געמוטיגט 17 נייע ביאלאגישע וויסנשאפט פירמעס זיך צו אריבערציהען קיין ניו יארק סטעיט און עס האט געשאפן מער פון 540 דזשאבס.

**אסעמבלי מיטגליד הארווי עפסטין האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי האט א רעפוטאציע פאר ערפינדונג וואס מאכט איר פאר א נאטורליכע היים פאר די לאבארעטאריע פון די צוקונפט. פארבעסערן און פארשנעלערן די מעדיצין אנטדעקונג פראצעדור האט קלארע בענעפיטן, און איך האף אז די וויסנשאפטליכע פארשריט וואס איז געמאכט געווארן אין די לאבארעטאריע – צוגעהאלפן דורך אונזער אינוועסטירונג – וועט זיין צוגענגליך פאר אלע וועלכע וועלן בענעפיטירן פון זיי."

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט אויפזען די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון

״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט׳ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט ביטע www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

**איבער Deerfield Management Company**

Deerfield איז אן אינוועסטירונג פארוואלטונג פירמע וואס איז איבערגעגעבן צו מאכן פארשריט אין העלטקעיר דורך אינוועסטירונג, אינפארמאציע און פילאנטראפיע. די פירמע ארבעט אין די גאנצע העלטקעיר אינדוסטריע צו פארבינדן מענטשן, געלטער, געדאנקען און טעכנאלאגיע אין אמביציעזע, צוזאמענארבעטנדע און ארייננעמיגע וועגן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.deerfield.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן